**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/24/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון פארפלייצונג באפעסטיגונג פראיעקטן אין ארליענס קאונטי**

***1.7 מיליאן דאלארדיגע ברעגע סטאביליזאציע פראיעקט וועט באשיצן א קריטישע ראָוד אין קאַרלטאן טאַון***

***$261,000 געשאנקען פאר קאנסטרוקציע פון נייע צוטריט גאס און ברעגע סטאביליזאציע פון לעיקסייד פארק ראָוד; וועט פארזיכערן אנגייענדע צוטריט פאר איינוואוינער און עמערדזשענסי מאנשאפטן***

***פראיעקט גרענטס געשאנקען דורך סטעיט'ס באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג אונטערנעמונג***

***סך הכל 300 מיליאן דאלאר צוגעטיילט פאר לעיק אָנטאַריאו און סעינט לאורענס ריווער ברעגע קאמיוניטיס***

***בילדער פון פארענדיגטע פראיעקטן קען מען זעהן [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון א 1.7 מיליאן דאלערדיגע פארפלייצונג באפעסטיגונג פראיעקט אויף לעיקשאָר ראָוד אין קאַרלטאן טאַון, ארליענס קאונטי, אלץ טייל פון די סטעיט'ס [באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג אונטערנעמונג (Resiliency and Economic Development Initiative, REDI)](). אייז פרעשור אין די פארגאנגענהייט און ערנסטע שאדנס פון שטורעמעס האבן אפגעשווענקט די שטיין אויף די זייט פון די טייך נעבן לעיקשאור ראָוד וואס האט נישט נאר געשאפן סכנות'דיגע אומשטענדן אויפן ראָוד, נאר עס האט אויך געשטעלט סכנות צו פובליק יוטיליטי און דערנעבנדע פריוואטע פראפערטי. צו פארמינערן די פראבלעמען, האט די פראיעקט אדרעסירט די אפשווענקונג פראבלעם און פארשטערקערט די ברעגע שוץ דורכן אינסטאלירן א 'ריף-רעפ' שטיינערנע מויער סיסטעם אויפן ברעגע מיט א נייע שיפקייט. אין צוגאב איז די שטח צווישן די שטיינער און די שיפע ברעג געווארן איינגעפלאנצן צו פארקלענערן פאטענציאלע אפשווענקונגען און באשיצן די אונטערשטע טייל פון די שטיין אויף די זייט פון די טייך. פארבעסערטע שטורעם וואסער אפלויף און איינפלאנצונגען לענגאויס די גאס וועלן אויך העלפן צו רעדוצירן פארפלייצונגען דורכאויס עקסטרעמע וועטערס.

"פילע קאמיוניטיס אויף די טייך ברעגעס לענגאויס לעיק אָנטאַריאו האבן אריינגעכאפט די ערגסטע פון די קאנסעקווענצן פון קלימאט טויש דורך מער שווערע שטורעמעס און היסטארישע פארפלייצונגען, און דורך ניו יארק'ס REDI פראגראם, מאכן מיר סטראטעגישע אינוועסטירונגען אין די קאמיוניטיס צו מאכן די ראיאן זיכערער פאר די ארטיגע איינוואוינער און באזיכער", **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "קוקנדיג אויף די צוקונפט, איז באשיצן די מענטשן וועלכע וואוינען אין די קאמיוניטיס מיין העכסטע

פריאריטעט, און ברעגע קאמיוניטיס באפעסטיגונג פראיעקטן ווי די וועלן העלפן פארקלענערן שאדנס פון פארפלייצונגען, פארמערן זיכערהייט און בויען שטאנדהאפטיגע אינפראסטרוקטור"

אין צוגאב, האט גאווערנער האקול היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון א 261,000$ באפעסטיגונג פראיעקט וועלכע איז פינאנצירט געווארן פאר קאַרלטאן טאַון — אויך דורך די REDI פראגראם. פארפלייצונג באפעסטיגונג מאסנאמען וועלכע זענען אונטערגענומען געווארן אין דעם פראיעקט רעכענען אריין די קאנסטרוקציע פון א נייע צוטריט גאס און אינסטאלאציע פון 'ריפ-רעפ' שטיינער לענגאויס די ברעגע צו באשיצן די פובליק וואסער ליניע דורכאויס צייטן ווען די וואסער שטאפלען זענען הויך. די ברעגעס לענגאויס לעיקסייד פּארק ראָוד, וואס לויפט לענגאויס א האלב-אינזל צווישן לעיק אָנטאַריאו און די דזשאנסאן קריק, איז אפגעריבן געווארן דורך כסדר'דיגע פארפלייצונגען. די שאדן צו די ברעגעס האבן געמאכט אז די צוטריט גאס איז געווארן אומנוצבאר, ברענגענדיג פארלוסטן פון לאנד באשיצנדע היימער און בערך 300 פיס אין די לענג פון פובליק וואסער ליניע וואס איז אין סכנה פון אויפגעדעקט און געשעדיגט ווערן. די פארענדיגטע פראיעקט פארקלענערט די סכנות פון צוקונפטיגע פארפלייצונגען און רעדוצירט די אפשווענקונג פון לעיקסייד פּארק ראָוד, בשעת'ן פארזיכערן זיכערע צוטריט פאר איינוואוינער און עמערדזשענסי מאנשאפטן און באשיצן קריטישע אינפראסטראקטור.

**דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) קאמישאנער און REDI קאָו-טשעירמאן, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "דורך REDI אינוועסטירונגען, ארבעט ניו יארק סטעיט צוזאמען מיט לאקאלע רעגירונגען לענגאויס די לעיק אָנטאַריאו און סעינט לאורענס ריווער ראיאן צו פאראויס רוקן פראיעקטן וועלכע וועלן באשיצן קאמיוניטיס אויפן ברעגע וועלכע זענען געווען אויסגעשטעלט דורכאויס די היסטאריע צו פארפלייצונגען פון שווערע שטורעמעס. קאמיוניטי פירער האבן געזעהן די קריטישע נויט צו באפעסטיגן די ברעגעס לענגאויס לעיקשאר ראָוד צו פארזיכערן צוטריט פאר איינוואוינער און באזיכער אין קאַרלטאן טאַון, און היינט צייכענען מיר אפ א באדייטנדע עררייכונג אין די פארשריט פון דעם פראיעקט."

**סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט (Department of Transportation) קאמישאנער מערי טעריזע דאמינגעז האט געזאגט,** "די קאנסעקווענצן פון אונזער טוישנדע קלימאט טוט פארזעצן צו נעגאטיוו ווירקן אויף די קאמיוניטיס אויפן ברעגע און אונזער טראנספארטאציע אינפראסטראקטור. אפשווענקונג און פארפלייצונג האבן נאכאמאל און נאכאמאל געמאכט אז מען זאל נישט קענען אריבערגיין לעיקסייד פּארק ראָוד, און דאס האט גורם געווען פארשפעטיגונגען און שוועריגקייטן, סיי פאר איינוואוינער און סיי פאר עמערדזשענסי מאנשאפטן. די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט, צוזאמען מיט אונזערע לאקאלע און סטעיט שותפים אין די REDI קאמיסיע, איז אנטשלאסן מיט איר איבערגעגעבנקייט צו מאכן אונזער אינפראסטראקטור מער באפעסטיגט, און דאס איז גענוי וואס דער פראיעקט העלפט באשיצן."

**סטעיט פארקס קאמישאנער עריק קאָלעסייד האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט טוט פארזעצן צו מאכן פארשריט מיטן באשיצן לעיק אָנטאַריאו קאמיוניטיס פון צוקונפטיגע שטורעמעס און פארפלייצונגען. די לעצטע צוזאמענארבעט מיט קאַרלטאן טאַון וועט העלפן באשיצן וויכטיגע פובליק אינפראסטראקטור און פריוואטע פראפערטי בשעת'ן פארשטייטערן ווייטערע ברעגע אפשווענקונג."

**סענאטאר ראַב ארט האט געזאגט,** "די ברעגעס וועלכע שווענקן זיך שנעל אפ און סכנות צו די קריטישע אינפראסטראקטור לענגאויס לעיקשאר ראָוד האבן געפאדערט שנעלע און אנטשלאסענע שריט דורך ניו יארק סטעיט און דורך די REDI קאמיסיע צו באשיצן פובליק זיכערהייט. דורכן קומען צו הילף מיט דעם סיטואציע, אדרעסירן די אנגייענדע אפשווענקונג און מאכן די ריכטיגע פארבעסערנדע פארערכטונגען צו עקזיסטירנדע ברעגע שוץ, וועט אונזער סטעיט לייזן סיי יעצטיגע זיכערהייט פראבלעמען און סיי שיצן קעגן פראבלעמען וועלכע וואלטן מעגליך ארויפגעקומען אין די צוקונפט."

**אסעמבלימאן סטעפען האַלי האט געזאגט,** "די אפהיטונג פון אונזער ברעגע און שוץ פון אונזערע ראָודס זענען אלעמאל די סאמע וויכטיגסטע, דערפאר איז דאס זעהן דעם פראיעקט אנקומענדיג צו די ענדע זייער גוטע נייעס פאר יעדער וואס פארט דורך די געגנט. אזוי ווי איך האב געזעהן אויף אן ערשטהאנטיגע פארנעם ביי א באזוך מיט די ארמיי ענדזשענירונג איינהייט ( Army Corps of Engineers) אין יולי, וואלט די אפשווענקונג וועלכע קומט פאר לענגאויס די ראָוד געווארן אן עכטע סכנה פאר די זיכערהייט פון די רייזנדע אויב עס וואלט געלאזט לויפן ווערן. אין צוגאב וועלט די פארלוסט פון די ראָוד פארלענגערט די צייט פאר מענטשן צו אנקומען צו די ארבעט און פאר עמערדזשענסי קארן און עס וואלט געקענט אפקאסטן אונזער ראיאן טויזנטע דאלארן אין פארלוירענע עקאנאמישע אקטיוויטעט."

**ארליענס קאונטי לעגיסלאטיווע טשעיר, לין דזשאנסאן, האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר גרייטן זיך צו ברענגען די לעיקשאר ראָוד REDI פראיעקט צו א באדייטנדע פארענדיגונג, שיקן מיר אונזערע דאנקן צו די גאווערנער און די REDI קאמיסיע פארן מאכן דעם פראיעקט פאר א מציאות. מיט זייער הילף האט ארליענס קאונטי געקענט טראנספארמירן א קריטישע טייל פון אונזער אינפראסטראקטור צו א פעסטערע פארמעגן. מיר ווילן אויסנוצן די געלעגנהייט צו באדאנקען יעדער וואס איז געווען פארמישט אין די פראצעדור. די גאנצע מאנשאפט האט געטוהן א געוואלדיגע ארבעט. מיר ווילן אויך באדאנקען די איינוואוינער לענגאויס די לעיקשאר ראָוד פאר זייער געדולד ווען מיר האבן געשטערט זייער געווענטליכע רוטין. דער פראיעקט וואלט נישט געקענט דורכגעפירט ווערן אן זייער מיטארבעט."

**קאַרלטאן טאַון סופּערווייזאר גויל עשבערי האט געזאגט,** "קאַרלטאן טאַון איז פרייליך אז דורך אונזער צוזאמענארבעט מיט ניו יארק סטעיט און מיט גאווערנער האקול'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו די קאמיוניטיס אויפן ברעגע, איז די לעיקשאר פּארק ראָוד פארפלייצונג באפעסטיגונג פראיעקט פארענדיגט געווארן. ווען די וואסערן אין לעיק אָנטאַריאו הייבן זיך, און מיר באגעגענען זיך מיט פארפלייצונגען אין די צוקונפט, קענען מיר זיין זיכער אז אונזער ברעגע איז פארזיכערט, און אז קריטישע וואסער אינפראסטראקטור איז זיכער."

אין אפרוף צו די כסדר'דיגע פארפלייצונגען לענגאויס די ברעגעס פון לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס טייך האט ניו יארק סטעיט אוועקגעשטעלט REDI צו פארמערן די באפעסטיגונג פון קאמיוניטיס אויף די ברעגעס און אונטערהייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין דעם ראיאן. פינף REDI ראיאנישע פלאנירונג קאמיטעס, וועלכע באשטייען פון פארשטייער פון אכט קאונטיס (ניאגארא און ארליענס, מאנראו, וועין, קאיוגע און אסוועגא, און דזשעפערסאן און סט. לאורענס), זענען אוועקגעשטעלט געווארן צו אידענטיפיצירן ארטיגע פריאריטעטן, ריזיקירטע אינפראסטרוקטור און אנדערע פארמעגנס, און פובליק סעיפטי זארגן. דורך REDI, האט די סטעיט זיך פארפליכטעט צו צאלן ביז אזויפיל ווי 300 מיליאן דאלאר צו בענעפיטירן קאמיוניטיס און פארמערן די באפעסטיגונג אין ראיאנען וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו פארפלייצונגען לענגאויס לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס ריווער.

זינט די סטעיט'ס REDI פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן אין פרילינג פון 2019, זענען שוין 134 REDI-געשטיצטע לאקאלע און ראיאנישע פראיעקטן אונטערוועגנס, אריינרעכענענדיג 82 פראיעקטן וועלכע זענען אין די פלאנירונג שטאפל, 19 פראיעקטן אין די קאנסטרוקציע שטאפלען און 33 פארענדיגטע פראיעקטן.

פאר נאך אינפארמאציע, פראפילן פון די פראיעקטן און פאר REDI נייעס, דרוקט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov